# THE SHEPHERD OF ISRAEL

Subscription Price
50 Cents a year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XX No. 11—12
JULY — AUGUST 1938

## FROM EXILE IN RUSSIA TO LIBERTY IN CHRIST



By Rev. ABRAHAM B. MACHLIN
Supt., Buffalo Hebrew Mission.

I was born in Mogileff, Russia, and attended school (cheder) until thirteen. Then I left the village where I lived and went to the city of Kiev. There, as a working man, I saw the ill-treatment of the Jews by the Russian Government and hatred sprang up in my heart toward the Russian rule and everything connected with it. Since the Greek-Catholic Church was the religion of the State, and thinking of that church as representing the Christian faith, I came to hate not only the church of the State but everything called Christian, for I had never come in contact with real Christians.

All this influenced me to join the Social-Revolutionary Party, in which I became very active, and soon I was imprisoned for my revolutionary activities. After serving a term in prison I was paroled, broke my parole and was re-arrested, and later I was sent to Siberia for a term of five years. I was no more than five days in Siberia when I escaped, came back to my home and again assumed my work with the party. A month later I was again apprehended and shipped to Siberia, about 2,000 miles farther than before. Again I managed to escape, and on my return home my heart was broken over the news of my mother's death. Taking the counsel of my friends and relatives, I soon sailed for America where I immediately joined the Socialist Party, but having become dissatisfied with their principles and methods of work I withdrew my membership.

All those years I had sought for excitement and for expression of self, but all I found was trouble and misery and sin and dissatisfaction and discontent. In my heart there was a longing for something which I could not explain. My soul was made for God and the rubbish of this world with which I was filling it could not satisfy me. While in this state of mind, I came across a Jewish mission in Philadelphia and went to one of their services. I was deeply impressed with the meeting and was further drawn to that mission by the kindness of a Christian lady who graciously talked with me after the services. She spoke so kindly of a Jewish Messiah who satisfied her longing soul. Though at that time I did not yet understand what she meant, still I could sense from her testimony that she had a wonderful peace and satisfaction in her faith, a satisfaction which I sorely lacked.

Later I became anxious to learn more about this Messiah, and when I was about to leave for New York that same lady advised me to get in touch with the Williamsburg Mission to the Jews in Brooklyn, New York, now the American Board of Missions to the Jews. This I did, and one of the first things I saw on entering the mission hall was the fifty-third chapter of Isaiah inscribed on the wall. Rev. Leopold Cohn, the superintendent of the mission, happened to take his message that evening from that same chapter, in which he painted for the audience a vivid picture of Christ our Messiah as the One who gave His life for us that we might live. My heart was touched. I went forward and told Mr. Cohn that if he could prove to me from Old Testament Scriptures that Jesus Christ was the Messiah, I would believe. Mr. Cohn patiently presented to me such passages as Genesis 49:10, Daniel 9:25-26 and Zechariah 12:10. All these were new to me, as my rabbis had never taught me these Scriptures. I was so thoroughly convinced of the truth of these passages of Scripture that I was led to receive Christ right there and then, and soon after I made public confession of my faith.

After having attended several services at this mission, I told my relatives that I had found Him of whom the prophets did write. I had peace and joy in my soul because of my faith in the Messiah, and I expected my people to accept this same Jesus also, but, alas, they refused to have anything to do with Him or with me. Sad though I was, my heart was comforted with these words: "When thy father and mother forsake thee, then the Lord will take thee up." And again, "Believe on the Lord Jesus Christ and thou shalt be saved, AND THY HOUSE." My faith was strengthened and I trusted the Lord to bring my dear ones also into that blessed hope.

Soon after this I went to Boston. All my letters to my people were returned unopened. I sent them money but that also was returned. At the end of two years, however, I received a letter inviting me to come home. It was the Passover season, and when I arrived I found that four of my relatives came together to celebrate the feast (seder). As they proceeded with the ceremony my heart welled up with emotion and my eyes filled with tears. My aunt, thinking that I was weeping because of regret, turned to me and said, "Give up your foolish ideas, and be a Jew again as we are." However, my tears were shed for them because I saw them going through a ceremony which testifies of Christ, and yet they did not know Him.

My uncle took the three unleavened cakes (matzos), and broke the middle-one in half, hiding one half under the pillow upon which he reclined, and distributing the remaining half among us. After the supper he took out the other half (afikomen), and broke that also and divided it among us. I could not resist saying to him, "Uncle, would you like me to explain what these three unleavened cakes represent?" He gave me permission and I said, "They represent the Trinity: God, the Father, the Son and the Holy Spirit. The middle cake which you broke represents Jesus our Messiah who was broken for our sins." I also told him in the course of our conversation that because of my having found the Messiah I loved him more than ever before and was constrained to pray for them all, as the Lord did while on the cross, "Father, forgive them, for they know not what they do." At this he wept, and took my hand, saying, "I believe you are sincere and may God bless you."

It is now twenty-four years since I came to know Jesus as my Saviour. He not only saved me but He has kept me ever since, and in my twenty-fifth year as a believer I am still rejoicing in Him who has chosen me to be one of His messengers, to proclaim the blessed truth about the Lord Jesus Christ "to the Jew first".

Brethren, my heart's desire and prayer to God for Israel is, that they might be saved. For I bear them record that they have a zeal of God, but not according to knowledge." (Romans 10:1-2)

---

**"How beautiful upon the mountains are the feet of him that bringeth good tidings, that publisheth peace; that bringeth good tidings of good, that publisheth salvation; that saith unto Zion, Thy God reigneth!"**
**Isaiah 52:7**

Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Second Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937.

## THE BIBLE IN FOUR WORDS

It is hard to condense. Nearly everybody can talk and talk and talk, and nearly everybody can write voluminously; but to pack into a few concise words the meaning or the essence of a volume, that is indeed a rare art. It is still a rarer thing to find a volume capable of being reduced in its essence to a few concise words or sentences.

And yet we believe that the Bible is the one Book of all the world's literature, that can really be condensed into one sentence; at least a sentence can be framed which will give to the most simple-minded child that essential knowledge which will mean eternal happiness.

We submit that sentence as follows:—

**"Christ died for us"**

"Christ died for us"! This is a quotation taken from the New Testament, Romans 5:8. The full verse reads,

> "But God commendeth his love toward us, in that, while we were yet sinners, Christ died for us."

"Christ died for us"! What a wealth of meaning is given to us in this marvelous revelation. How many thousands and thousands of sermons could be preached on these four words! What countless blessings these words have brought to millions of human souls thru all the ages! What a wonderful history of God's dealings with our Jewish race forms the background which made possible the ultimate revelation given us in this sentence!

"Christ died for us"! Every feast every ceremony, which God gave to our forefathers in the wilderness was only a symbol which told the Jew, "There is a day coming when God, come down to earth in the form of a human body, will become the great sacrifice for the sins of all mankind." When our Jewish forefathers gathered about the table on the Passover night, it was a night of tender memories and a night of sentiment. For it reminded that family, that there was a day when we were slaves in Egypt, and one night we were told to sprinkle the blood of the lamb upon the door posts and that night the Angel of Death passed over Egypt and brought swift tragedy into every Egyptian home; but when the Angel saw the blood on the door post of each humble Jewish home, the Angel passed over, and death in that home that night was unknown. And so at the Passover Supper they gathered about, and on the table was a roast lamb. And every Jew knew that that lamb was a symbol of the Lamb of God who was to come and take away the sins of the world.

"Christ died for us"! When the Jew trudged his way up to Jerusalem once a year to observe the solemn Day of Atonement, and saw the priest shed the blood of the goat, that Jew knew full well that was again a symbol of that day when there would come the great Saviour and Redeemer who would bear upon Himself the sins of the whole world. And so with every feast which God gave there was always the symbol of the coming of the Great Sacrifice and Lamb of God.

"Christ died for us"! Has ever the human race known such depth of love? "While we were yet sinners" this Christ of God died for us. We were not worthy of so great a sacrifice, but such was the divine love of God for us that unworthy as we were He died for us. But what has been our response? We have hated Christ, we have used against Him blasphemous language, we have hated those who have loved Him and followed Him, and obeyed Him. This Christ who never did a human person the slightest shred of harm, this Christ walked steadfastly to Jerusalem, and steadfastly went to the Cross and there was crucified. For Himself? No, for He did no wrong; never a man lived who could breathe a word against Him. For whom then? Again the answer is, "Christ died for us".

"Christ died for us"! Not a Jew lives who will dare tell you that he is perfect, that he is willing to pass out of this world and meet God face to face and say to Him "I am a perfect man". Not a rabbi dares tell his congregation that any Jew is sure of going to heaven when he dies. The best that the rabbi can say to you is "Don't cheat, don't lie, don't steal, do the best you can, and then when life is finished—well, I don't know." In other words, dear Jewish reader, you are simply marching away your life in a dark alley, which leads you to a chasm black as midnight and filled with doubt and despair.

"Christ died for us"! In that frightful hour of his death, the whole universe was aquiver, the elements of this world of ours were shaken to the depth; hear this awe-inspiring record of that most tragic hour of the world's history:—

> "Now from the sixth hour there was darkness over all the land until the ninth hour. And, behold the veil of the temple was rent in twain from the top to the bottom; and the earth did quake, and the rocks rent; and the graves were opened; and many bodies of the saints which slept arose. And came out of the graves after his resurrection, and went into the holy city, and appeared unto many. Now when the centurion, and they that were with him, watching Jesus, saw the earthquake, and those things that were done, they feared greatly, saying, Truly this was the Son of God." Matt. 27:45, 51, 52, 53, 54.

"Christ died for us"! The heathen centurion, trained in the military discipline of a Caesar, when he beheld these things, trembled, and shrieked "Truly this was the Son of God!" The heathen mind could grasp such an elemental fact as that, but we Jews for 1900 years, with all of our intellect, and with all of our smartness, have not yet reached the ordinary intelligence of that heathen centurion.

"Christ died for us"! When will we Jews wake up and fall upon our knees before that Son of God who died for us? And when will we surrender to Him our pride and our intellect, and let Him use us to be that which God first wanted us to be, the great missionary leaders of the world? Will you not take this to heart, dear reader, and will you not ask God earnestly to show you what you should do? Then there will be a new song on your lips and a new hope in your heart, and you will become a new man in Christ Jesus, and your whole being will shout for joy, "Christ died for us"!

> "But he was wounded for our transgressions, he was bruised for our iniquities; the chastisement of our peace was upon him; and with his stripes we are healed. All we like sheep have gone astray; we have turned every one to his own way; and the Lord hath laid the iniquity of us all on him." Isa. 53:6, 7.


**AMERICAN BOARD OF MISSIONS TO THE JEWS, Inc.**



HEADQUARTERS BETH SAR SHALOM

Throop Avenue and Walton Street

Brooklyn, N. Y.


**WHERE YOU MAY OBTAIN THE SHEPHERD OF ISRAEL**

**UNITED STATES.** **New York:** Headquarters Building, 27 Throop Ave., Brooklyn, Rev. Leopold Cohn. **Chicago, Ill.:** 316 Stanley Pl., Rev. Solomon Birnbaum. **Pittsburgh, Pa.:** 1603 Centre Ave., Rev. John Solomon, Missionary. **Philadelphia, Pa.:** 535 Spruce St., Mr. Harry Burgen, Missionary. **Buffalo, N. Y.:** 206 North Park Ave., Rev. A. B. Machlin. Columbus, Ohio. 1039 East Broad St. Rev. Oscar Wago, **Los Angeles, Calif.:** 2005 Brooklyn Avenue, Rev. E. Zimmerman.

**OVERSEAS.** .**Sidney, Australia:** 145 Commenwealth Street, Rev. G. E. Ardill. **Warsaw, Poland:** Targowa 15, M. 4. Rev. Moses Gitlin, Missionary. **Jerusalem, Palestine:** Gospel Gate, Russian Compound, Rev. Frank L. Boothby, Missionary. **Paris, France:** 123 Avenue du Maine, Rev. Henri Vincent.


**40 CTS. WORTH FOR 25 CTS.**

**Send us 25c in coin or stamps and we will mail you a 40c. New Testament in Hebrew. Yiddish or English.**

**Address:**

THE SHEPHERD OF ISRAEL

27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.

אפענבארונגען אין איין גאט, וועלכער הערט דאס געבעט פון אלע וואס זענען מתפלל בשם ישוע המשיח.

## ארטיקעל 2.

מיר גלויבען אז גאטס ווארט איז אמת. אז די תורה און די הייליגע נביאים זענען דיקטירט געווארען פון גאט אליין. און דערפאר גלויבען מיר אין ישוע המשיח איבער וועלכען די תורה און די נביאים שרייבען, אז ער איז אונזער גואל צדק. ער האט געליטען און איז געשטארבען פאר אונזערע זינד אום אונז ווידער צו פעראייניגען מיט דעם הימלישען פאטער. (ישעיה נ"ג).

## ארטיקעל 3.

מיר גלויבען אז ישוע המשיח איז דער בן אלהים חיים. ער איז געבוירען געווארען פון די „עלמה" מרים דורך דעם רוח הקודש, כדי ער זאל געוועזען קענען זיין אן אונשולדיג קרבן פאר אונזערע זינד. (תהלים ב':)

## ארטיקעל 4.

מיר גלויבען אז ישוע המשיח וואס איז געשטארבען פאר אונזערע זינד איז דעם דריטען טאג ווידער אויפגעשטאנען פון די טויטע. ער זיצט ביי דער רעכטער האנד פון פאטער אלס אונזער מליץ יושר. (תהלים ק"י).

## ארטיקעל 5.

מיר גלויבען אז ישוע המשיח וועט ווידער קומען צו משפט'ען די וועלט און צו רעגירען, און אז עס וועט זיין תחית המתים בעפאר דעם גרויסען יום הדין. (רניאל י"ב).

## ארטיקעל 6.

מיר גלויבען אין רוח הקודש וועלכער וואוינט אין הארצען דורך אמונה אין ישוע המשיח. ער איז אויך אונזער טרייסטער וואס ישוע המשיח האט אונז פארשפראכען צו שיקען, אונז צו פיהרען אין גאט'ס וועג דא אויף דיעזער ערד.

## ארטיקעל 7.

מיר גלויבען אז ישוע המשיח איז דער גואל צדק פאר אידען און פאר נישט אידען, ווייל אלע האבען געזינדיגט און קאנען נישט גערעכט זיין פאר גאט ב"ה אהן א קרבן. ישוע המשיח איז דאס איינציגע קרבן פאר אלע וואס גלויבען אין איהם.

## ארטיקעל 8.

מיר גלויבען אז בעפאר די שרעקליכע צרה וועט קומען אויף ישראל (ירמיה ל') וועט ישוע המשיח אלע גלויביגע צו זיך ארויפנעמען כדי אונז מציל צו זיין פון דער צרה וואס וועט דויערען דריי און א האלב יאהר. (דניאל ט' און י"ב ;) דערנאך וועט ער ארונטער קומען מיט אלע גלויביגע, צו רעגירען אלס דער מלך על כל הארץ. (דניאל ב 'און ז' : תהלים ב' : זכריה י"ד)

## ארטיקעל 9.

מיר גלויבען אז דאס ספר ברית החדשה איז אמת און איז די ערפילונג פון די נביאות אין הייליגען תנ"ך. (ירמיה לא, ל—ג) אזוי נאך איז דאס תנ"ך מיט'ן ברית חדשה אין הארמאניע און ביידע קומען פון גאט ב"ה.

## ארטיקעל 10.

מיר גלויבען אז דאס גאנצע פאלק ישראל וועט נאך אננעמען ישוע אלס זייער איינציגען גואל צדק. זיי וועלען תשובה טהון און מיט גרויס חרטה ארויפבליקען צו איהם וואס איז צושטאכען געווארען פאר אונזערע זינד. (זכריה י"ב).

ליעבער לעזער, פערטראכט אייך אין דיעזער הייליגער אמונה און דאן אורטיילט „האמת עם מי ?"

---

# ביים שטערבע בעט

מיט איינינע יאהר צוריק איז אין איינעם פון די גרויסע האספיטאלס פון ניו יארק געשטארבען א 75 יעהריגער איד וואס איז געוועזען 40 יאהר א גלויביגער אין ישוע המשיח. פיעלע יאהרען איז אט דיעזער גלויביגער איד אין משיח געקומען צו פערזאמלונגען עדות זאגען פאר זיין הארר ישוע המשיח. מאנכע אידען האבען פון איהם א גוטען שפאס געמאכט און אנדערע האבען איהם מכבד געוועזען מיט זלזולים און קללות אבער ווידער אנדערע האבען איהם גערן צוגעהערט און איהם שטארק געליובט פאר זיין קוראזש און אויפריכטיגקייט צו זיינע איבערציינונגען.

דיעזער אלטער ברודער איז אבער אין איין טאג שטארק קראנק געווארען און האט געמוזט באלד געהן אין האספיטאל.

דער שרייבער פון דיעזע שורות מיט איינינע אנדערע גלויביגע ברידער אין ישוע המשיח זענען דעם ברודער געגאנגען מבקר חולה זיין און מיר האבען איהם געטראפען — טראץ זיינע לידען — אין איין זעלטענער רוהינקייט און אין אזא מין פריעדען אזוי ווי גלייך ער וואלט גאר קיין חולה מסוכן געוועז. אויף איינמאל האט ער פלוצים אויפגעעפענט זיינע אויגען און האט צו אונז געזאגט: ברידער, איך בין איבער גליקליך, איך געה אהיים צו מיין הימלישער וואוינונג. עס איז א גרויסע רייזע, אבער ניש־קשה, דארט וועל איך מיך פון דער שווערער רייזע אברוהען. ישוע המשיח האט פאר מיר א פראכטפאלע וואוינונג פארבערייט און דארט וועל איך אלעם אין פריידען דערצעהלען". מיר אלע האבען דארט ביי דעם קראנקען-בעט געבעטען און דער קראנקער ברודער מיט אונז, און ביים לעצטען ווארט פון זיין געבעט איז ער איינגעשלאפען אין די הענד פון ישוע המשיח.

דאס האט אונז דערמאנט צו דעם אבשטערבען פון יעקב אבינו ווען ער, דער „איש תם" האט זיך נישט פערלאזט אויף צדקת עצמו, נייערט ער האט מיט גרויס צופריעדענהייט אויסגערופען „לישועתך קויתי ד'", אז זיין איינציגע האפנונג איז געוועזען אויף דער הייליגער ישועה פון גאט.

ליעבער לעזער, ווען איהר וואלט נור איינמאהל אזא פאל בייגעוואוינט און איהר וואלט געזעהן ווי טייער און ליעב דער גלויבען אין הייליגען משיח איז צו דעם גלויביגען אין אלע אומשטענדען, וואלט איהר אין זעלבען אויגענבליק געווארען א גלויביגער אין משיח. דער גלויבען איז גוט אין פריידען און אין לײדען. אין דער יוגענד און אויף דער עלטער ווען דער מענש איז פערלאזט פון אלע, ווען קיינער קאן איהם נישט העלפען, יא אויך דאן איז ישוע המשיח אויף דער סצענע און איז דער טייערסטער פריינד פאר דעם לײדענדען.

ביי דער לויה האט מען אין דעם פערשטארבענעם ברודערס פנים געקאנט זעהן א צופריעדענעם שמייכעל. נישט קיין סימן פון וועה און שמערץ. קיינער האט אויך ביי דער לויה נישט געוויינט טראץ דעם אז אלע פערזאמעלטע האבען דעם ברודער שטארק געליעבט. מיר האבען איהם בעגלייט מיט זמירות וועלכע ער האט תמיד געליעבט צו זינגען ביי זיין לעבען פאר זיין הארר און גואל. מיר האבען זיך געפרייט אז דער ברודער איז נאך זיין שווערער ארבייט אהיים געגאנגען צו זיין עוויגער רוה, צו דעם „יום שכלו שבת". אבער וויפיעל מעהר האט ער זיך געמוזט פרייען צו זעהן דאס הייליגע פנים פון ישוע המשיח און צו בעקומען פון איהם א הארציגען „ברוך הבא".

טייערע לעזער. אט פערזוכט צו פערגלייכען דעם אבשיעד פון א גלויביגען אין ישוע המשיח צו דעם אבשיעד פון אן אונגלויביגען. ביי אן אונגלויביגען איד, מעג ער אפילו זיין דער גרעסטער צדיק, ווייסט ער פארט נישט צו ער וועט דארט האבען עולם הבא צו נישט. קיינער האט עם איהם נישט פערשפראכען און ער האט צו קיינעם קיין פריטענציע. די גמרא דערצעהלט אונז אז אפילו דער גרויסער תנא ר' יוחנן בן זכאי האט שרעקליך געוויינט ביי זיין שטערבע בעט, ווייל ער האט נישט געוואוסט וואו אהין מ'וועט איהם פיהרען. ווי שרעקליך טהוט זיך אב ביי איין אבשטערבענדען וואס איז קיין גלויביגער אין ישוע המשיח. מ'וויינט, מ'קלאגט, מ'שלאגט קאפ אין וואנד ר"ל אלץ ווייל מ'ווייסט ניט ווי, ווען, און וואוהין. מ'האט פשוט מורא, און עס איז אויך דא פארוואס מורא צו האבען.

ווען א גלויביגער געהט אבער אהיים, ווייסען אלע, אי די וואס זענען צוריק געבליבען און אי דער וואס געהט אוועק, אז ער וועט דארט קיין פרעמדער זיין און במילא אויך נישט פערלוירען געהן; ווייל ישוע המשיח איז דארט און ער עמפפאנגט און ברענגט איהם אין דעם פאלאץ וואס ער, דער משיח האט פאר איהם פארבערייט. אין יוחנן י"ד זאגט אונז דער הייליגער משיח „זאל אייער הערץ קיין מורא האבען . . . איך געה פאר אייך אן ארט פארצובערייטען . . . איך וועל אייך נעמען צו מיר כדי איהר זאלט דארט זיין וואו איך בין".

---

## וואו איהר קאנט בעקאמען דעם רעה ישראל

ברוקלין, נ. י.: בית שר שלום, 27 טרופ עוועניו, פילאדעלפיא, פא.: מר. הארי בוירגען, 535 ספרוס סטריט. פיטסבורג, פא.: רעוו. דזשאן סאלאמאן, 1603 סענטראל עוועניו. שיקאגא, אילינאי: רעוו. סאלאמאן בירנבאום, 316 סטענלי פליים. לאס אנגעלעס, קאליפ.: רעוו. ע. צימערמאן, 2005 ברוקלין עוועניו. קאלומבוס, אהייא: רעוו. אסקאר וואגא, 1039 איסט בראאד סטריט. סידני, אסטראליען: רעוו. ג. ע. ארדיל, 145 קאמאנוועלטה סטריט. ווארשע, פוילען: רעוו. משה גיטלין, טארגאווא 15, מ. 4. ירושלים, פאלעסטינא: רעוו. פרענק בוטהביי, גאספל גייט, רוסישער קאמפאונד. פאריז, פראנקרייך: רעוו. הענרי ווינסענט, 123 דאמעין עווע. באפאלא, נ. י.: רעוו. א. ב. מאכלין, 206 נארטה פארק עווע.

# THE SHEPHERD OF ISRAEL

PUBLISHED MONTHLY TO GIVE ISRAEL A KNOWLEDGE OF THE TRUE SHEPHERD, THE MESSIAH

# רֹעֵה יִשְׂרָאֵל

א מאנאטליך בלאט צו ערקלעהרען צו ישראל דעם אמת'דיגען משיח

Subscription Price 50 Cents a year.

JOSEPH HOFFMAN COHN, *Editor*

VOL. XX No. 11—12 JULY — AUGUST 1938


## מיינונגס פערשידענהייטען

מיר הערען אזוי אפט די פארשידענארטיגע מיינונגען פון אידען וועגען גלויביגע אין ישוע המשיח בכלל און וועגען מיסיאנערען בפרט, בכן, ווער זיי זענען? (צי אידען צי גוים אדער גאר משומדים) און וואס זיי גלויבען? (צי אין דעם גאט צי אין יענעם אדער גאר אין דריי געטער). כדי יענע פארשיעדענע מיינונגען צו בעזייטיגען פון אונזערע אידען און זיי בעקאנט מאכען מיט'ן ריינעם אמת, ווילען מיר זיי איין־מאל פאר אלע מאל דא אין דיעזען ארטיקל דאס גענוי ערקלערען.

### ערשטענס, וואס מיר זענען?

מיר אידען וואס גלויבען אין ישוע המשיח זענען אמת'ע בני אברהם, נישט חלילה משומדים. מיר גלויבען אין גאטס תורה על פי תורת משה והנביאים, און טאקע דערפאר גלויבען מיר אויך אין ישוע המשיח אלס דער איינציגער גואל צדק. מיר זענען דערפאר אברהם'ס קינדער ווייל מיר גלויבען דאס וואס אברהם האט געגלויבט, נעמליך אין ישוע המשיח. שפעטער אין ירושלים האט דאס ישוע טאקע געזאגט צו יענע אידען: „אברהם האט זיך געפרייהט צו זעהן מיין טאג, ער האט עס געזעהן און האט זיך געפרייהט". (יוחנן ח, 56) אידען זענען דעריבער אויף איהם ברוגז געווארען און זיך געבונטעוועט געגען איהם, זאגענדיג: דו ביסט נאך קיינע 50 יאר אלט און דו האסט געזעהן אברהם'ן? ישוע האט זיי אבער געענטפערט: „איך בין געוועזן נאך פאר אברהם'ן". האבען זיי איהם געוואלט דערפאר שטייניגען.

אברהם האט געגלויבט אין ישוע המשיח וועלכער האט זיך צו איהם אפענבארט אין געשטאלט פון „מלכי־צדק". (בראשית י"ד, 20-18) צו יענער צייט האט איהם אברהם גענעבען מעשר פון אלעם און מלכי צדק (ישוע המשיח) האט איהם געבענשט . . . אברהם אבינו האט איהם געזעהן און אין איהם געגלויבט. דערפאר זאגען מיר מיט רעכט, אז ווייל מיר גלויבען אין ישוע המשיח אזוי ווי אברהם האט געגלויבט, זענען מיר אמת'ע בני אברהם.

מיר זענען אויך קינדער פון משה'ן. ווען איהר ווערטהער לעזער זענט פעראינטערעסירט צו וויסען דעם אמת דערפון, לעזט אקארשט וואס משה רבינו האט געזאגט וועגען ישוע המשיח אין דברים י"ח. ער זאגט: „א נביא פון דיין מיט, פון דיינע ברידער אזוי ווי איך בין וועט דער הארר דיין גאט דיר אויפשטעלען איהם זאלט איהר צוהערען. וויי־טער זאגט גאט — ווער עס וועט אבער נישט צוהערען צו מיינע ווערטער וואס ער וועט רעדען אין מיין נאמען וועל איך עס פון איהם פאדערען. דערפאר זאגען מיר, אז ווייל מיר גלויבען אין ישוע המשיח זענען מיר נאכפאלגער פון משה'ן.

(מיר לעזען אין ברית חדשה, יוחנן א, 45, אז א תלמיד פון ישוע המשיח האט געזאגט צום גרויסען איד נתנאל: מיר האבען געפונען איהם אויף וועמען משה און די נביאים האבען געשריבען, ישוע פון נצרת.)

מיר זענען אויך די נאכפאלגער פון ישעיה הנביא. מיט 750 יאר בעפאר עס איז געשעהן האט אונז ישעיה הנביא שוין נבואות געזאגט וועגען ישוע המשיח, נעמליך, וועגען זיינע לײדען אלס משיח. דארט אין ישעיה נ"ג לעזען מיר:

„ער איז געוועזן פארשעמט און פארמיטען פון מענשען . . . מיר האבען פארבארגען אונזער פנים פון איהם ער איז געוועזן פארשעהמט און האבען איהם נישט געאכטעט. באמת ער האט געטראגען אונזער שמערץ און אונזער ווייטאג . . . ער איז פארוואונדעט געווארען פאר אונזערע זינד . . . די שטראף אז מיר זאלען האבען פריעדען איז געוועזן אויף איהם און דורך זיינע ביילען זענען מיר געהיילט געווארען. מיר האבען אלע געבלאנדזשעט ווי די שאף יעדער איז זיך געגאנגען זיין אייגענעם וועג און גאט האט געטראפען אויף איהם אלע אונזערע זינד. ער איז געוועזן באדריקט און געפייניגט . . דערפאר וועל איך איהם געבען א חלק מיט פיעלע און וועט טיילען דאס געווינס מיט די מעכטיגע ווייל ער האט אויסגעהויכט זיין לעבען צום טויט . . . ער האט געטראגען די זינד פון פיעלע און האט געבעטען פאר די רשעים".

מיר זענען אויך קינדער פון דניאל, ווייל אויך דניאל הנביא האט געגלויבט אז ישוע איז דער משיח. דניאל האט אונז בעזאנדערע סמנים געגעבען וועגען משיח"ס קומען. דארט אין קאפיטעל ט, פסוק 26-25 לעזען מיר:

„דערפאר זאלסטו וויסען און פארשטיין אז פון דעם ארויסגעגעבענעם באפעהל צוריק צו געהן און אויפצובויען ירושלים ביז צו דעם משיח דער פירסט, וועט זיין זיבען (שמיטה) וואכען און צוויי און זעכציג (שמיטה) וואכען. די גאסען און די מויערען וועלען ווידער אויפגעבויעט ווערען כאטש אין צרה'דיגע צייטען. אבער נאך די 62 (שמיטה) וואכען וועט דער משיח פארשניטען ווערען אבער נישט פאר זיך אליין. די שטאט און דאס בית המקדש וועט דאן פארוויסט ווערען . . ."

יא, אזוי איז עס פונקט געשעהן ווען דער הייליגער משיח איז געקומען צום ערשטען מאל פאר איבער 1900 יאר צוריק.

מיר זענען אויך די נאכפאלגער פון זכריה הנביא. נישט נאר האט זכריה הנביא אליין געגלויבט אין ישוע המשיח, נייערט ער האט אויך נביאות געזאגט אז אלע אידען פון ירושלים וועלען גלויבען אין איהם. ער זאגט אין קאפיטל 12, פסוק 10 אז גאט זאגט:

„איך וועל אויסגיסען איבער'ן הויז פון דוד און איבער די איינוואוינער פון ירושלים דעם גייסט פון חן און געבעט און זיי וועלען אויף מיר קוקען וועמען זיי האבען צושטאכען, זיי וועלען איבער איהם קלאגען ווי איינער קלאגט איבער א בן יחיד און זיי וועלען זיין אין ביטערקייט איבער איהם ווי איבער א בכור".

ווי איהר ליעבער לעזער זעהט פון די אויביגע ציטאטען האבען מיר גלויביגע אין ישוע המשיח א וואונדערבארע ירושה. מיר זענען די קינדער פון אברהם פון יצחק פון יעקב פון משה פון ישעיה פון דניאל פון זכריה און פון אלע אנדערע נביאים וועלכע האבען געגלויבט אין ישוע המשיח און האבען אויף איהם נביאות געזאגט. מיר זענען דערפאר אמת'ע אידען ביי וועמען דער דבר ד' איז טייער און הייליג. מיר זענען נישט חלילה משומדים, כופרים, נשמה־כאפערס אזוי שונאים ווי־לען אייך ליעבער לעזער איינרעדען.

### צווייטענס, אונזער גלויבענס באקענטנים

### ארטיקעל 1.

מיר גלויבען אין אלהי אברהם אלהי יצחק ואלהי יעקב, אזוי ווי גאט זאגט: „שמע ישראל יהוה אלהינו יהוה אחד", דיעזע דריי איז נור איין גאט: וואס מיינט, פאטער, זאהן און רוח הקודש. דריי


Published Monthly, except bi-monthly during July and August by the American Board of Missions to the Jews, 27 Throop Ave., Brooklyn, N. Y.
Entered as Secon l Class matter April 4, 1922, at the Post Office, Brooklyn, N. Y., under the Act of March 3, 1879. Accepted for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, act of October 3, 1917. Authorized December 30, 1937.